די חוקים, וועלכע משה האָט אונז איבערגעגעבן.
15 און אַלע, וואָס זענען געזעסן אין סנהדרין, האָבן
מיט שפּאַנונג געקוקט אויף אים, און געזען זיין
פּנים ווי (עס וואָלט געווען) דאָס פּנים פון אַ
מלאך.

## קאַפּיטל זיבן

1 און דער כהן גדול האָט געזאָגט: צי איז עס טאַקע
2 אַזוי? ער אָבער האָט געזאָגט:
ברידער און פאָטערס, הערט! דער ג־ט פון
כבוד האָט זיך באַוויזן צו אונזער פאָטער אברהם,
בשעת ער איז געווען אין ארם נהרים, איידער ער
3 האָט געוואוינט אין חרן, און געזאָגט צו אים:
גיי אַרויס פון דיין לאַנד און פון דיין משפּחה, און
גיי אין דעם לאַנד אַריין, וואָס איך וועל דיר ווייזן.
4 איז ער דעמלט אַרויסגעגאַנגען אויס דעם לאַנד
פון די כשדים און האָט געוואוינט אין חרן, און פון
דאָרטן, נאָך דעם ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבן,
האָט ער אים אַריבערגעבּרענגט אין דעם דאָזיקן
5 לאַנד אַריין, אין וועלכן איר וואוינט איצט. און
האָט אים דאָרטן נישט געגעבן קיין ירושה,
אַפילו נישט אַן אָרט, וואו אַ פוס אַנידערצושטעלן,
נאָר עס אים צוגעזאָגט צו געבן פאַר אַ באַזיץ
און צו זיין זאָמען נאָך אים, בשעת ער האָט נאָך
6 נישט געהאַט קיין קינד. און ג־ט האָט צו אים אַזוי
גערעדט: אַז זיין זאָמען וועט זיין אַ גר אין
אַ פרעמד לאַנד, און מען וועט זיי פאַרקנעכטן און
7 פייניקן פיר הונדערט יאָר לאַנג. און דאָס פאָלק,
וואָס וועט זיי פאַרקנעכטן, וועל איך משפּטן, האָט
ג־ט געזאָגט, און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין און
8 מיך דינען אויף דעם דאָזיקן אָרט. און האָט